בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת בהר
(בא"י בחקתי)
כ אייר
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 28
(80)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב




שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ 'בַּעַל תְּפִלָּה' וָואס אִיז גֶעזִיצְן חוּץ לְיִשּׁוּב, אוּן פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִינְגֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן זִיךְ מִתְוַודֶּה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר הָאט אֵיינֶעם אִיבֶּער גֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע רֵייד, הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט חוּץ לְיִשּׁוּב.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

בִּיז מֶען אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין. אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר גֵייט אוּם אוּן רֶעט אָן מֶענְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ. בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין אָרִים מַאן. אוּן בַּיי דֶעם פַאר אֵיין סוֹחֵר. אוּן בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. אוּן דֶערְצוּ אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּסִין מִיט אַ מֶענְשְׁן. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן בַּיי דֶעם מֶענְשְׁן נִיט פּוֹעֶלִין דָאס וָואס עֶר וִויל. פְלֶעגְט עֶר דֶעם מֶענְשְׁן אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן מִיט רֵייד. בִּיז סֶע גָאר נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ פַאלְן אַז עֶר מֵיינְט דָאס דָאזִיגֶע דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ שְׁטוּיסִין זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאס. הָאטְשֶׁע צוּם אֱמֶת אִיז גָאר זַיין כַּוָּונָה גִיוֶוען נָאר דָאס. וָוארִין וָואס עֶר הָאט גִישְׁמוּסְט אוּן גִירֶעט מִיט לַייט. הָאט עֶר מֶער נִיט גִימֵיינְט נָאר דָאס. דְהַיינוּ אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר ווִי עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר פּוֹעֶלְט בַּיי דֶעם נִיט. פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין אוּן פַארְשְׁטֶעלִין מִיט רֵייד בִּיז יֶענֶער הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר וִויל גָאר נִיט דָאס. (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין) הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה עוֹסֵק גִיוֶוען אַלִין אִין דֶער זַאךְ כַּנַּ"ל בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רוֹשֶׁם אוּן אַ פִּרְסוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן מֶע הָאט גִיוָואלְט אִים חַאפִּין נָאר סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען כַּנַּ"ל.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זַיינֶע לַייט גִיזֶעסִין חוּץ לְיִישּׁוּב. אוּן זֵיי הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶועק נָאר אִין תְּפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּן ווִידּוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים אוּן תְּשׁוּבוֹת. אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז גִיוֶוען עֶר הָאט גִיקֶענְט אִיטְלִיכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמַר עֶר זָאל אִיטְלִיכְן גִיבִּין) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט.

## אַ סִיסְטֶעם אוּן פָארֶעם

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער אִים צוּ מַאכְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער סִיסְטֶעם אוּן פָארֶעם ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן אוּן זִיךְ פִירְן, נָאר יֶעדֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן אוּן זִיךְ גֶעפִירְט לוֹיט זֵייעֶר וֶועג.

אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע לַייט. אַז נָאךְ זַיין מוֹחַ נָאךְ. בַּאדַארְף עֶר צוּ גָאטְס דִינְסְט. אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגִיטָאן אִין גִילְדְן גִישְׁטִיק. הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט. אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוּרָב גִיוָוארְן אֵיין עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם יִישּׁוּב. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עוֹשֶׁר בַּדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגִירִיסְן. הָאט עֶר אִים אַזוֹי גִיפִירְט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גְוואוּסְט. ווִי אַזוֹי מֶע בַּאדַארְף אִיטְלִיכְן צוּ פִירִין אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען.

## אַ גָאלְדֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חָכְמָה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אַז עֶר הָאט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן לוֹיט זֵייעֶר מֹחַ. אוֹיף גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז כְּדֵי זֵיי זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן אוֹיף גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי וֶועלְן נָאר אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵיי טוּישְׁן דָאס קְלֵיידוּנְג, זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ ווִי פַארְדֶעם.

## נִישְׁט יֶעדֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין צוּ דֶעם

נִישְׁט יֶעדֶער קֶען פַארְשְׁטֵיין צוּ דֶעם, אוּנְזֶער שֵׂכֶל וָואלְט אַנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט, אֶפְשָׁר פֶעלְט אוֹיס אַז דִי עֲשִׁירִים זָאלְן גֵיין מִיט רַייכֶע קְלֵיידֶער אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אוֹיף יֶענֶע עֲשִׁירִים אַז זֵיי וֶועלְן מֶער גְלַייכְן אוֹיבּ מֶען וֶועט טוּישְׁן זֵייעֶר וֶועג פוּן קְלֵיידוּנְג, זֵיי הֵייסְן גֵיין צֶערִיסְן, אוּן דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בַּיי דִי מֶענְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גִיוֶוען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ) טַייעֶרֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פוּן דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף אָדֶער פוּן אַ תַּעֲנִית מֶער אֵיידֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט.

## אַ זִיסְקֵייט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם

דֶער צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ תַּעֲנוּג אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי עֶס אִיז דָא תַּעֲנוּגִים אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז עֶר דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פַארְקֶערְט, דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַזַא מִין זִיסְקֵייט אִין זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאכְמֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דִי וֶועלְט.

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן סֶע גִיוֶוען אַ מְדִינָה. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת. זֵיי זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען עֲשִׁירִים. נָאר דָאס פִירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר מִיצַר. וָוארִין סֶע הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אַלִין גִיפִירְט וֶועדְלִיג דֶעם עֲשִׁירוּת. אִיטְלִיכְנְס מַעֲלָה אוּן אִיטְלִיכְנְס כָּבוֹד. אִיז נָאר גִיוֶוען וֶועדְלִיג זַיין עֲשִׁירוּת. סֶע אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶוען. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט זַיין אֵייגֶענְס אַזוֹי פִיל אֲלָפִים אָדֶער רְבָבוֹת (פִיל טוֹיזִינְט) גֶעלְט. קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה אוּן דֶער כָּבוֹד. אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט קוּמְט אִים אֵיין אַנְדֶערֶע מַעֲלָה. אוּן אַזוֹי אַלֶע מַעֲלוֹת בַּיי זֵיי אִיז אַלִין גִיוֶוען וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט. אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת. ווִי אַזוֹי סֶע דָארְט בַּיי זֵיי אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען דֶער אִיז שׁוֹין אַ מֶלֶךְ.

אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פָאנֶען. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין דֶער פָאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דִי מַעֲלָה אוּן דֶער כָּבוֹד אִין דֶער פָאן. אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָאן. אוּן סֶע קוּמְט אִים דָארְט דִי מַעֲלָה אִין יֶענֶער פָאן. אַלִין וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט.

אוּן סֶע בַּיי זֵיי אוֹיף אַלִימֶען אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען ווִיפִיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין דִי מַעֲלָה אִין דֶער פָאן. אוּן ווִיפִיל גֶעלְט עֶר זָאל הָאבִּין אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אֵיין אַנְדֶערֶע פָאן. אוּן זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבִּין אֵיין מַעֲלָה. אוּן אַ כָּבוֹד. אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכְן מֶענְטְשְׁנְס כָּבוֹד אוּן גָאר זַיין מַעֲלָה אִיז אַלִין גִיוֶוען רַק וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט. אַזוֹי ווִי בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט גִיוֶוען אוֹיף אִיטְלִיכֶער מַעֲלָה אוּן כָּבוֹד ווִיפִיל גֶעלְט עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן.

אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגִיזֶעצְט גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אִיז עֶר אַ גְלַאטֶער מֶענְשׁ. אוּן אַז עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ ווֵיינִיגֶער. אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קֵיין מֶענְשׁ נִיט. נָאר עֶר אִיז אַ חַיָּה אָדֶער אֵיין עוֹף. (דְהַיינוּ דָאס אִיז נָאר אַ חַיָּה וָואס הָאט אַ פְּנִים ווִי אַ מֶענְשׁ). אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת דְהַיינוּ אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסִיל גֶעלְט אִיז דָאס נָאר אַ לֵייבּ דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ אוּן אַז עֶר הָאט נָאר אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט אִיז עֶר נָאר אֵיין עוֹף. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיהַאט אַנְדֶערֶע חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת. וָוארִין דֶער וָואס עֶר

האט ווייניג געלד. דער איז גאר קיין מענטש ניט ביי זיי. נאר ער איז א חיה אדער איין עוף. ווארין ביי זיי איז דער עיקר דאס געלט געווען. און די מעלה און דער כבוד פון איטליכן איז נאר געווען וועדליג דעם געלט.

האט מען גיהערט אויף דער וועלט אז סע איז פארהאנדין אזוי א מדינה. האט דער בעל תפלה זייער א גרויסין קרעכץ גיטאן דרויף. און ער האט גיזאגט ווער ווייסט. ווי הין די דאזיגע קאנען פארגיין דורך דעם. האבין זיך גיפינען מענשן פון זיינע לייט. און האבין אים גאר קיין דיעה ניט גיפרעגט און זיי האבין זיך אויף גיהויבין. און זענען גיגאנגען צו דער מדינה אז זיי זאלין זיי ארויס פירין דערפון. ווארין זיי (דהיינו די לייט פון דעם בעל תפלה) האבין גרויס רחמנות גיהאט אויף דער מדינה וואס זיי זענען אזוי פארפירט גיווארין אין דער תאוה פון געלט. און בפרט דער בעל תפלה האט גיזאגט. אז זיי קאנען נאך ווייטער פארפירט ווערין. איבער דעם זענען די לייט פון דעם בעל תפלה גיגאנגען צו דער מדינה. טאמער וועלין זיי קאנען ארויס פירין זיי פון זייערע נארישקייט.

## אלעס זאל זיך דרייען ארום געלט

דער בעל תפלה האט זייער געקרעכצט אויף די מענטשן פון דעם מדינה, נישט צוליב זייער געלט, ווייל מען מעג האבן געלט, און מעג אפילו זיין אן עושר, נאר אלעס זאל זיך דרייען ארום געלט? אז דו האסט געלט ביסטו א מענטש, און אז נישט ביסטו א חיה?!

## איך אליינס בין דער מדינה...

אלס קינד בין איך אמאל איינגעשטאנען ביי מיין פעטער ר' שמואל טייטלבוים נרו יאיר, מיין מאמע'ס ברודער, האב איך דארט געזען דעם ספר ספורי מעשיות ווי דאס ענטהאלט פילע אינטערעסאנטע מעשיות, האב איך אים געבעטן אז איך וויל עס בארגן, האט ער מיר עס געבארגט. געדענק איך ווי ליינענדיג דעם שטיקל אז די מענטשן פון דעם מדינה האבן געהאט חיות און עופות, אלעס געוואנדן לויט די געלט, איז מיר דאס געווען זייער אומפארשטענדליך, **'וואס הייסט, איינער וואס האט געלט איז א מענטש, און אז נישט איז ער א חיה?!'** אבער אז מען קוקט גוט אריין זעט מען אז עס מוז נישט זיין אז דער מדינה געפונט זיך אין די הרי חשך, עס קען גאר זיין אז איך אליינס בין דער מדינה, צו דיר רעד איך נישט ווייל דו האסט נישט קיין געלט, און צום אנדערן וואס האט געלט רעד איך יא; פאר דיר וועל איך זיך נישט ריקן, און פאר'ן צווייטן וואס האט געלט וועל איך זיך יא ריקן, אים צו מאכן פלאץ; פאר דיר וועל איך נישט האלטן אפן דעם טיר, און פאר'ן צווייטן וואס האט געלט וועל איך עפענען דעם טיר, און זיך אראפבייגן, אפשר וועל איך פארדינען פון אים א דאלער... קומט אויס אז מיר זענען אין דעם מדינה.

די זענען גיקומען אין דער מדינה אריין. און זיי זענען אריין גיגאנגען מן הסתם צו א קליינעם מענשן וואס דער הייסט ביי זיי א חיה און זי האבין אנגיהויבין מיט אים צו שמועסין. באשר אז צום אמת איז דאס געלט גאר קיין תכלית ניט. און דער עיקר תכלית איז נאר גאט צו דינען וכו'. און דער האט זיי גאר ניט צו גיהערט. ווארין סע איז שוין ביי זיי אזוי איינגיווארצילט גיווען אין דער דיעה אז דער עיקר איז נאר דאס געלט. און אזוי האבין זיי גישמועסט נאך מיט איין אנדערין. און ער האט אויך זיי ניט צו גיהערט. און זיי האבין מיט אים ווייטער גיוואלט שמועסין. האט ער זיי גיענפערט (דהיינו דער מענטש וואס זיי האבין מיט אים גישמועסט האט ער זיי גיענפערט) ווייטער האב איך ניט צייט מיט אייך צו שמועסין. האבין זיי אים גיפרעגט. פארוואס. האט ער גיענפערט. באשר מיר באדארפן אלע ארויס פון דער מדינה. אין איין אנדערע מדינה אריין. ווארין מיר האבין גיזעהן אז דער עיקר תכלית איז נאר דאס געלד. איבער דעם איז ביי אונז גיבליבן אז מיר זאלין גיין צו אזוי א מדינה וואס דארט מאכט מען געלט. (דהיינו סע איז דארט אזוי איין ערד וואס דערפון מאכט מען גאלד און זילבער). איבער דעם מוזין מיר היינט אלע גיין צו דער מדינה.

און ווידער איז ביי זיי גיבליבן אז זיי ווילין. אז זיי זאלין האבין כוכבים און מזלות אויך (דהיינו שטערין און מזלות וואס אין הימיל) דהיינו אז דער וואס ער האט אזוי פיל און אזוי פיל געלט. ווי אזוי זיי האבין דארט אויס גיזעצט דרויף. דער זאל זיין א כוכב (דהיינו א שטערין) ווארין אז ער האט אזוי פיל געלט האט ער זיך דעם כח פון דעם שטערין ווארין דורך דעם שטערין וואקסט זיך דאס גאלד. ווארין וואס סע איז פארהאנדין ערד וואס פון איר מאכט מען גאלד. איז זיך דאס מחמת די שטערין. וואס דורך זיי וואקסט דארט אזוי איין ערד וואס פון איר מאכט מען גאלד. אז דער מענש האט אזוי פיל געלד האט ער זיך דעם כח פון דעם שטערין. איבער דעם איז ער אליין א שטערין (אזוי האבין זיי אליץ גיזאגט די מדינה וועדליג זייער פארפירטקייט אין דעם געלד) און אזוי האבן זיי גיזאגט. אז זיי ווילין האבין מזלות אויך. דהיינו אז איינער וועט האבין אזוי פיל און אזוי פיל געלט. ווי אזוי זיי האבין דרויף אויסגיזעצט דער זאל זיין איין מזל. און אזוי האבין זיי זיך גימאכט מלאכים אליץ וועדליג דעם געלט. ביז סע איז ביי זיי גיבליבן אז זיי זאלין האבין גאטן אויך. אז דער וואס ער וועט האבין זייער פיל געלט אזוי פיל און אזוי פיל אלפים ורבבות. ווי אזוי זיי האבין דרויף אויס גיזעצט. דער זאל זיין איין גאט. ווארין אז גאט גיט אים אזוי פיל געלד. איז ער אליין א גאט.

## דאס האט בכלל נישט קיין זין...

דאס האט בכלל נישט קיין זין; אז גאט געבט אים אזויפיל געלט - איז ער אליינס א גאט, אויב אזוי, דעם וואס גאט געבט אים נישט קיין **געלט, וואלט דאך אויך געדארפט זיין די זעלבע...**

ווידער האבין זי גיזאגט. אז זיי קערין גאר ניט צו זיצין אין דעם איר פון דער וועלט. און זיי באדארפין גארניט צו זיין אין איינעם מיט אנדערע מענטשן כדי זיי זאלין זיי ניט מטמא זיין. ווארין די איבריקע מענטשן פון דער וועלט זענען גאר טמא אקעגין זיי. איבער דעם האבין זיי זיך מיישב גיוועזן. אז זיי וועלין זיך זוכין זייער הויכע בערג וואס זיי זענען העכער פון גאר דער וועלט. און זיי וועלין דארט זיצין. כדי זיי זאלין זיין העכער פון דער וועלט. האבין זיי גישיקט מענטשן. אז זיי זאלין זוכין הויכע בערג. האבין זיי גיפונען זייער הויכע בערג איז גיגאנגען די גאנצע מדינה און האבין זיך דארט ביי זעצט. אויף די הויכע בערג. דהיינו אויף דעם בארג האבין זיך ביי זעצט א קבוץ מענטשן פון דער מדינה (כלומר א שטאט) און אזוי אויף דעם אנדערין בארג וכו' און זיי האבין גימאכט ארום דעם בארג א גרויס חזקת. און גרויסע גראבינס ארום דעם בארג. ביז סע איז ניט גימאלט גיוועזן צו זיי זאל קומען א מענטש. ווארין סע מער ניט גיוועזן נאר איין באהאלטינער וועג צו דעם בארג וואס קיין אנדערער מענטש האט גאר ניט גיקאנט צו קומען צו זיי. און אזוי אויף דעם אנדערין בארג אויך און אזוי ביי אלע בערג האבין זיי אליץ גימאכט חזקת וכו' כנ"ל. און זיי האבין גישטעלט שומרים ווייט פון דעם בארג. כדי קיינער זאל צו זיי ניט קאנען קומען. און זיי זענען גיזעסין דארט אויף די בערג. און האבין זיך גיפירט מיט דעם פירכין כנ"ל. און זיי האבין גיהאט אסאך גאטין. דהיינו וועדליג דעם געלט כנ"ל.

לושמיר ווייל ביי זיי איז דער עיקר גיוועזן דאס געלט. ביז דארך אסאך געלט. איז מען גיוועזן ביי זיי א גאט האבין זיי מורא גיהאט פאר רציחה און גזילה. ווארין איטליכער וועט זיין א רוצח און א גזלן כדי ער זאל ווערין א גאט. דורך דעם געלט וואס ער וועט גזלן. נאר זיי האבין גיזאגט. ווייל דער וואס ער האט געלט איז א גאט. וועט ער זיך היטין פון גזילות און רציחות. און זיי האבין מתקן גיוועזן עבודות און קרבנות אז מע זאל מקריב זיין קרבנות און מע זאל מתפלל זיין צו די געטער. כדי דורך דעם זאל מען קריגין געלט און זיי פלעגין מקריב זיין מענטשן פאר קרבנות און זיי פלעגין זיך אליין מקריב זיין צו די גאטין. כדי ער זאל אין אים נכלל ווערין און דער נאך וועט ער מגולגל ווערין. וועט ער זיין איין עושר. ווארין דער עיקר אמונה איז ביי זיי גיוועזן דאס געלט. און זיי האבין גיהאט עבודות און קרבנות און קטורת וואס זיי פלעגן דערמיט צו דינען די גאטין (דהיינו די וואס זיי האבין גיהאט אסאך געלט) און פון דעסט וועגין פארט. איז די מדינה בוודאי פיל גיוועזן מיט רציחה און גזילה. ווארין דער וואס ער האט ניט גיגלייבט אין די עבודות איז ער גיוועזן א רוצח און א גזלן כדי ער זאל האבין געלט. ווארין דער עיקר איז ביי זיי גיוועזן דאס געלט ווארין דורך געלט קאן מען זיך קויפין אלדינג. עסין און קליידער און דער עיקר לעבין פון דעם מענשן איז דורך דעם געלט. איבער דעם איז דאס געלט ביי זיי דער עיקר אמונה גיוועזן (אזוי איז אליץ זייער ניירישע פארפירטע דעה גיוועזן).

און זיי האבין אליץ גיזעהן. אז סע זאל ביי זיי ניט גימינערט ווערין קיין געלט. ווארין דאס געלט איז ביי זיי גאר די אמונה און דער גאט גיוועזן. אדרבא מע מוז זעהן אז מע זאל אריין ברענגען אין דער מדינה אריין געלט פון אנדערע ערטער. פלעגין פון זיי גייען סוחרים האנדלען אין אנדערע מדינות. כדי זיי זאלין גווינען געלט כדי מע זאל נאך מער געלט אריין ברענגען אין דער מדינה אריין. און צדקה. איז בוודאי א גרויסער איסור ביי זיי גיוועזן. ווארין ווי טאר מען אוועק געבין דאס געלט וואס גאט האט אים געגיבן. וואס דאס איז ביי זיי דער עיקר גיוועזן אז מע זאל האבין געלט. ווי טאר מען זע דאס אוועק גיבין. איבער דעם איז בוודאי ביי זיי איין איסור גיוועזן צו גיבין צדקה.

און זיי האבין גיהאט ממונים. דהיינו מענטשן וואס זיי זענען גיזעצט גיוועזן דרויף. זיי זאלין אכטונג גיבין אויף איטליכן אויב ער האט אזוי פיל געלט ווי ער זאגט.

## דעם ראש ישיבה'ס רייכטום...

דאס איז צוליב דעם וואס עס זענען דא מענטשן וואס זאגן אז זיי האבן געלט, און באמת פארמאגן זיי גארנישט. איך האב דאס געטון אין אנפאנג ווען די ישיבה האט זיך געעפנט, און די גאנצע שטאט האט געקאכט געפערליך איבער די מחלוקת קעגן די ישיבה, איז א בחור מיר געקומען פרעגן, **'וואס קען איך טון, יעדע שבת זיצן מיינע ברידער און שוואגערס ביי די סעודה און רעדן קעגן דעם ראש ישיבה'**, האב איך אים געזאגט, קומענדיגע מאל מען הייבט אן רעדן, זאלסטו זאגן **"דו ווייסט, מיין ראש ישיבה האט אסאך געלט, ער האט ריעל עסטעיט איבעראל"**, און דער בחור האט מיר נאכדעם געזאגט, דאס האט געארבעט וואונדערליך, ווי נאר ער האט דאס געזאגט איז אלעס געווארן אויס, אלע זענען געווארן ערשטוינט: **"פון וואו האט דיין ראש ישיבה אזויפיל געלט?"** מען האט פארגעסן פון די גאנצע מחלוקה, מען האט זיך נאר באצויגן אויף דעם ראש ישיבה'ס רייכטום... דאס איז געווען די איינציגסטע וועג ווי אזוי צו בארואיגן מענטשן, ווי נאר מען הייבט אן רעדן פון געלט טוישט זיך אלעס.

## איי, זיינע בילדונגס האבן מארגעדזשעס...

אז מען הערט נאר אויף איינעם אז ער האט הייזער אדער עפעס א ירושה, געבט מען אים אן עליה צו די תורה, און אלע געשעפטן באדינען אים שיין און העפליך, איי, אלע זיינע בילדונגס האבן גרויסע מארגעדזשעס און די באנק קומט באלד אלעס צונעמען...

ווארין איטליכער האט גימוזט ארויס ווייזין זיין עשירות אלע מאל. כדי ער זאל בלייבין ביי דער מעלה. און ביי דעם כבוד וואס ער האט גיהאט וועדליג זיין געלט. (כלומר די אלע עשירים וואס זיי זענען ביי זיי גיוועזן גאטין און שטערין וכו' און מלאכים וכו' מחמת זייער

גֶעלְט פְלֶעגְט מֶען אַלֶע מָאל זֵיי אִיבֶּער צוּ זֶעהְן. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. אוֹיבּ עֶר אִיז נִיט אוּמְזִיסְט אַיין גָאט וְכוּ'. אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דְרוֹיף גִיזֶעצְט גִיוֶוען אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע מָאל דָאס אוֹיף זֶעהְן) אוּן אַמָאל פְלֶעגְט בַּיי זֵיי צוּ וֶוערִין פוּן אַ חַיָה אַ מֶענְטְשׁ. אוּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה דְהַיְינוּ אַז אַיין עוֹשֶׁר הָאט אָנְגִיוָוארִין דָאס גֶעלְט. אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיס מֶענְטְשׁ גִיוָוארִין. אִיז גִיוָוארִין פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין גֶעלְט נִיט.

## מַיין שֵׂכֶל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן...

מֶען דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹשֶׁר וָואס מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן צוּ אַלֶע מִיטוּנְגֶען אִין דִי קְהִלָּה צוּ הֶערְן זַיין מֵיינוּנְג, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גֶעלְט, הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶעהֶערְט רוּפְן צוּ דִי מִיטוּנְגֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "**אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען, דָאס גֶעלְט הָאבּ אִיךְ טַאקֶע פַארְלוֹירְן, אָבֶער מַיין שֵׂכֶל הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן...**" דָאס אִיז מַמָשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט גֶעלְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, וִוי נָאר עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גֶעלְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ חַיָה, קֵיינֶער קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף אִים, אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים מֶער נִישְׁט אוֹיס.

אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט. אַז אֵיינֶער הָאט גְוִוינֶען גֶעלְט. אַזוֹי אִיז גִיוָוארִין פוּן אַ חַיָה אַ מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען בַּיי דִי אִיבְּרִיקֶע מַעֲלוֹת. וָואס בַּיי זֵיי אִיז אַלֶץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט גִיוֶוען. (אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען. מִיט אַמָאל אִיז אֵיינֶער אוֹיס גָאט גִיוָוארִין. וָוארִין עֶר הָאט שׁוֹין דָאס גֶעלְט אָנְגִיוָוארִין) אוּן זֵיי פְלֶעגִין הָאבִּין דִי צוּרוֹת אוּן דִי פַּאטְרֶעטִין פוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט גִיהַאט) אוּן בַּיי אִיטְלִיכְן אִין גִיוֶוען דִי פַּאטְרֶעטִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זֵיי צוּ הַאלְדִזִין אוּן צוּ קוּשְׁן. וָוארִין דָאס גֶעלְט אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאר זֵייעֶר עֲבוֹדָה אוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

## דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶענוּג גֶערֶעדְט פוּן דֶעם נַארִישְׁן מְדִינָה, לָאמִיר אַבִּיסְל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; וִוי מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צִי עֶר אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פוּן וֶועם דֶער רֶבִּי רֶעדְט, וַוייל דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָאךְ אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְן סְפָרִים פוּן תְּפִילוֹת אוּן דָאס גֶעגֶעבְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין אִין דֶעם, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ אַרוֹיס גֶעגֶעבְן דִי לִיכְטִיגֶע 'לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה'ס מֶענְטְשְׁן - בִּין אִיךְ דֶער מֵלִיץ".

אוּן דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (וָואס זֵיי זֶענֶען פְרִיר דָארְט גִיוֶוען בַּיי דֶער מְדִינָה כַּנַ"ל) זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט צוּ זֵייעֶר אָרְט. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה וִוי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מְדִינָה אִין אִין אַנְדֶערֶע מְדִינָה (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט כַּנַ"ל) אוּן זֵיי ווִילִין זִיךְ שׁוֹין מַאכִין שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת (כַּנַ"ל) הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ מֶער פַאר פִירְט וֶוערִין וַוייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין (כַּנַ"ל). הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט (דְהַיְינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

## פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זִינְקְט אִין תַּאֲוֹות מָמוֹן, וָואס דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע תַּאֲוָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן וִוילַאנְג עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶער אֵיינְמָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין פוּן גֶעלְט גָאטְ'ן, כְּאִילוּ דִי גֶעלְט פִירְט דִי וֶועלְט חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז גָאר בִּיטֶער.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְרוֹיס רַחְמָנוֹת אוֹיף זֵיי גִיהַאט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִין גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

## דֶער רֶבִּי הָאט רַחֲמָנוּת

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אוּנְז, דָא זֶעט מֶען דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, דֶער מְדִינָה אִיז גֶעוָוארְן אַוֶועק גֶעפִירְט אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם גוּטְן וֶועג, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן זֵיי אַרוֹיסְצוּפִירְן פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ סָפֵק צִי עֶר וֶועט דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר זֵיי טַאקֶע אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶר תַּאֲוָה.

## תַּאֲוֹות מָמוֹן

דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער גִבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה: "**אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲוֹות מָמוֹן**", וַוייל אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין תַּאֲוֹות נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, קוּמְט אָבֶער אַ הֵיילִיגֶע צַייט, וִוי יוֹם הַקָדוֹשׁ, דֶער טָאג אִין יָאר וָואס יֶעדֶער אִיד טוּט תְּשׁוּבָה, בַּארֶעכְנְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ '**וָואס טוּ אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט**', אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אָבֶער וֶוער עֶס לִיגְט אִין 'תַּאֲוֹות מָמוֹן', הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲרָטָה דֶערוֹיף, נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג אַז עֶר טוּט בִּכְלַל עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט.

## מֶען רַאנְגְלְט זִיךְ וַוייטֶער

דָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "**רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה - הַיְינוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן**", רוֹב וֶועלְט זֶענֶען נֶעבֶעךְ גֶעכַאפְּט אִין תַּאֲוַת מָמוֹן, "**וְהַמָּמוֹן הוֹרֶגֶת וּמֵמִית אוֹתָם**", מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי גֶעלְט הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דִי עֵצָה? "**וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה, כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק**", נִישְׁט דָא קַיין עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי תַּאֲוָה, נָאר דוּרְךְ דֶער צַדִּיק; אַז מֶען אִיז אַבִּיסְל טוֹעֵם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן טְרַאכְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ פוּן גֶעלְט. עֶס גֵייט טַאקֶע נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, אוּן מֶען רַאנְגְלְט זִיךְ וַוייטֶער אִין דִי תַּאֲוָה אוּן אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָבֶער צוּם סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן דֶערְפוּן.

## נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גֶעלְט

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין רֵיין פוּן תַּאֲוֹות מָמוֹן**"; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לִיג נִישְׁט אִין תַּאֲוֹות מָמוֹן, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, וואוּ דֶער רֶבִּי חַזֶר'ט מִיט אוּנְז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה, אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גֶעלְט.

## זִיבְּן נוּמֶערְן אִין דַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט?!...

פַארְיָאר בִּין אִיךְ אֵיינְמָאל גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ קַארְלְסְבּוּרְג, קוּמְט צוּ אֵיינֶער צוּ מִיר, זָאגֶענְדִיג, אִיךְ הֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה דֶערְפוּן, אָבֶער, (עֶר נֶעמְט זִיךְ שְׁרֵייעֶן): "**דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן גֶעלְט, דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אַהֶער וִוי דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; זָאג מִיר, דוּ וָואלְסְט וֶוען נִישְׁט גֶעוָואלְט זְעֶן, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי, זִיבְּן נוּמֶערְן (אַ מִילְיָאן דָאלֶער) אִין דַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט?!...**" עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ עֶנְטְפֶערְן, הָאבּ אִיךְ צוּגֶעשָׁאקְלְט דֶעם קָאפּ אוֹיף "יָא", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן וַוייטֶער: "**אָה, קוּמְט אוֹיס דוּ רֶעדְטְסְט סְתַּם...**"

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט

אִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נִישְׁט קַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט; (טְרֶעף נָאךְ אֵיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין דִי וֶועלְט וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט). וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְן מַיין אַקַאוּנְט פַאר דִי יְשִׁיבָה. דִי יְשִׁיבְה'ס בַּאנְק אַקַאוּנְט הֵייסְט 'אַךְ טוֹב וָחֶסֶד', פַארְוָואס? וַוייל אַ יָאר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִיר גֶעבֶּעטְן, אַזוֹי וִוי מְשׁוּלָחִים קוּמֶען אַלְץ קְלַאפְּן בַּיי זַיין טִיר פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן גֶעלֶערְנְט, וַויל עֶר זֵיי נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, דֶערְפַאר זָאל אִיךְ אִים הֶעלְפְן מִיט צְדָקָה; אִיךְ זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען דָאס גֶעלְט, אוּן עֶר וֶועט דָאס אוֹיסְטֵיילְן פַאר צְדָקָה. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט וֶועלְכֶע נָאמֶען אִיךְ זָאל גֶעבְן פַאר דֶעם קוּפָּה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד", הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפֶענְט דֶעם בַּאנְק אַקַאוּנְט 'אַךְ טוֹב וָחֶסֶד'. דֶערְנָאךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ עֶס אִיבֶּער גֶעגֶעבְן פַאר דִי הַנְהָלַת הַיְשִׁיבָה.

## פּוּעֵלְ'ן זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן

(אַגַב, דֶעמָאלְט וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יְשׁוּעוֹת, וַוייל אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אַיין

וָוען אֵיינֶער אִיז מְבַזֶה, קֶען מֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער).

## דֶעם טְשֶׁעק בּוּךְ לָאזְט מֶען דָא

גֶעלְט לָאזְט מֶען דָא, דֶעם טְשֶׁעק בּוּךְ לָאזְט מֶען דָא, אוֹיף יֶענֶע וָועלְט נֶעמְט מֶען גָארְנִישְׁט מִיט, נָאר דַיין **טַלִית בַּייטְל** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען, דַיין **צִיצִית** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען. מֶען מֶעג גֵיין מִיט צִיצִית אוּנְטֶער דִי הֶעמְד, אָבֶּער גֵיי מִיט צִיצִית, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין צִיצִית, קוּשׁ דַיין צִיצִית.

## קוּשְׁט דִי מְזוּזָה

דַיין קוּשְׁן דִי **מְזוּזָה** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען; אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיסְגֶעדְרֵייעדְט מִיט'ן פָּנִים צוּ דִי בָּחוּרִים, בָּחוּרִים גֵייעֶן אוּן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, קֶען מֶען זֶען אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיבּ עֶר קוּשְׁט דִי מְזוּזָה. דִי וָואךְ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אַ נֵייעֶר בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶען אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר קוּשְׁט דִי מְזוּזָה. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, אַז צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי בָּחוּרִים זִיךְ פַארְהֶערְן דִי הוֹרָאָה, אֵיינֶעם הָאט עֶר פַארְהֶערְט, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען מָארְגְן, דֶעם אַנְדֶערְן טָאג וָוען דֶער צְוֵוייטֶער אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אִים ווִידֶער גֶעזָאגְט: "**קוּם צוּרִיק מָארְגְן**", דֶעם דְרִיטְן מָאל הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אָרוֹיסְגֶעדְרֵייעדְט פוּן אִים פַארְהֶערְן.

## פַארְגֶעסְן צוּ קוּשְׁן דִי מְזוּזָה

הָאט זַיין זוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "**טַאטֶע, פַארְוָואס הָאסְטוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גְלַייךְ פַארְהֶערְט אוּן גֶעגֶעבְּן אַ כְּתַב הוֹרָאָה, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן הָאסְטוּ גֶעהֵייסְן עֶטְלִיכֶע מָאל צוּרִיק קוּמֶען, אוּן צוּם סוֹף פַארְשִׁיקְט?**" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "**אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער צְוֵוייטֶער קוּמְט אַרַיין אוּן קוּשְׁט נִישְׁט דִי מְזוּזָה, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען, טְרַאכְטְנְדִיג 'אֶפְשָׁר פוּן גְרוֹיס פַּחַד הָאט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ קוּשְׁן דִי מְזוּזָה', אָבֶּער נָאכְ'ן זֶען דְרֵיי מָאל ווִי עֶר קוּשְׁט נִישְׁט דִי מְזוּזָה, קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין הֶיתֵּר הוֹרָאָה, ווַייל אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט מַאכְן פַאר אַ רַב!**"

## זִינְגֶערְס - מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל

דַיין **פֵּיאוֹת** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען, דַיין **בָּארְד** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען; דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַלֶע קְדוּשּׁוֹת אוּן אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ (עַיֵּין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת נָשֹׂא, קלה). מִיט אַ בָּארְד שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט; לֵיידֶער זֶענֶען דָא יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס הֵייבְּן זִיךְ אָן צִיפְּן דִי בָּארְד, ווִילְּנְדִיג אוֹיסְקוּקְן ווִי דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, הַיינְט זֶענֶען דִי זִינְגֶערְס דִי 'מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל', ווַייל אַלֶע בָּחוּרִים קוּקְן אוֹיף זֵיי, ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶעוָוען 'דִי זַאךְ' - וָועם עֶס אִיז גוּט נָאכְצוּמַאכְן, דֶער זִינְגֶער שֶׁערְט זַיין בָּארְד ווִי אַ קָמַץ, אוּן אַ צְוֵוייטֶער ווִי אַ פַּתַח, אוּן דֶער דְרִיטֶער ווִי אַ צֵירֵי...

## דֶער זִינְגֶער הָאט אַ לַאנְגֶע בָּארְד

נָאכְ'ן שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת (שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא הָעֶעל"ט) אִיז מִיר צוּגֶעקוּמֶען אַ בָּחוּר זָאגְן: "**עֶס אִיז גֶעוָוען אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, אוֹיסֶער אֵיין זַאךְ, דֶער שְׁפִּילֶער אוּן דִי זִינְגֶערְס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הֶענְט אוּן פִיס**"... הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "**פַארְוָואס? אַז דֶער זִינְגֶער הָאט אַ לַאנְגֶע בָּארְד קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט זִינְגֶען שֵׁיין?! נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט טֵייטֶע הוֹיזְן, אוּן מֶען קֶען זֶען זַיין קָאלִירְטֶע זָאקְן - זִינְגְט עֶר שֵׁיין?!**" דֶער בָּחוּר ווֵייסְט בִּכְלָל נִישְׁט וָואס מֵיינְט זִינְגֶען שֵׁיין, אַז עֶר הָאט אַ בָּארְד אִיז עֶס נִישְׁט שֵׁיין...

## דִי בָּארְד שָׁאקְלְט זִיךְ מִיט...

בַּיי מִיר אִיז דָאס גֶעוָוען דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, צוּ זֶען ווִי דִי זִינְגֶערְס זִינְגֶען אוּן דִי בָּארְד שָׁאקְלְט זִיךְ מִיט... ווַייל קִינְדֶער גֵייעֶן דָאךְ אַלֶץ צוּ דִי מוּזִיק, זֵיי הָאבְּן לִיבּ צוּ שְׁטֵיין וואוּ עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וָוען אִיךְ בִּין גֶעוָוען אַ קִינְד פְלֶעג אִיךְ שְׁטֵיין בַּיי חֲתוּנוֹת אַ גַאנְצְן צַייט בַּיי דִי מוּזִיק, אוּן אַז דֶער זִינְגֶער גֵייט אָן אַ בָּארְד, דַאן גֵייט דָאס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אַ קָמַץ בָּארְד, אַ צֵירֵי בָּארְד אוּן אַ פַּתַח בָּארְד?!...

## אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת

דַיינֶע **שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת** וָועסְטוּ מִיט נֶעמֶען אוֹיבְן אִין הִימֶל; גֵיי אַהֵיים רֶעדְט שֵׁיין צוּ דַיין ווַייבּ, גֶעבּ אִיר גוּטֶע ווֶערְטֶער. אוֹי אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרָע אוֹיף דֶעם, אוֹי אִיז דָאס גַאֲוָה, מֶען טְרַאכְט: '**אַז מַיין ווַייבּ וָועט טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וָועל אִיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר**', אָדֶער טְרָאגְט מֶען אַלְטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט זִיךְ, וָואס צוּלִיבּ דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן שֵׁיין, אוּן דִי ווַייבּ ווֵייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס זַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת זֶענֶען.

## דִי קָאפּ אִיז פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת

אוּן דָאס קוּמְט פוּן עֲבֵירוֹת, ווַייל אַז דִי גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָוערְט אַן 'עֵרוּב טוֹב וָרַע', עֶס וָוערְט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט בַּיים מֶענְטְשׁ דָאס גוּטֶס אוּן שְׁלֶעכְטֶס, אַנְשְׁטָאט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין ווַייבּ, אִיז עֶר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן אַז זִי אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע אוּן נִישְׁט גוּטֶע.

## וָוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין שְׁלָאפְן...

אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דוּ זֶעסְט ווִי דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז נָאךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייעדְט פוּן נֶעכְטְן, אִיז דַיין ווַייבּ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, זִי קוּמְט דִיר גָארְנִישְׁט, וָוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן גֵיין נֶעכְטְן שְׁלָאפְן מִיט אַן אִיבֶּער גֶעדְרֵייטֶע טִישׁ?! בַּיי מִיר גְרֵייט מֶען שׁוֹין אָן גְלַייךְ נָאךְ דִי סְעוּדָה פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס פַאר שַׁבָּת צוּפְרִי, אַלֶע עֶסְן זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט, אוֹיסֶער דָאס וָואס דַארְף נָאךְ בְּלַייבְּן אִין פְרִידְזְשֶׁעדֶער אִיבֶּער נַאכְט; נָאר דִי שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וָועלְט.

## רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת

עֶס קוּמְט יֶעצְט ל"ג בָּעוֹמֶר, שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַאֲזִינוּ, רפח:) אַז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אַפָּאר שָׁעָה אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת, אִין טָאג ל"ג בָּעוֹמֶר, אוּן גֶעזָאגְט: "**אִיךְ בִּין מֵעִיד אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוואוּשְׁן צוּ אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. אוּן דֶערְפַאר דַארְף אִיךְ נִישְׁט פַאסְטְן, ווַייל וָוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה שְׁלֵימָה**", מִיט דֶעם הָאט זִיךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי בַּארִימְט אוּן זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוָוען אִין טָאג פוּן זַיין הִסְתַּלְקוּת.

## יֶעדְן שַׁבָּת אִיז עֶס גֶעוָוארְן אַ טֵייטְלְבּוֹים

[דִי סְפָרִים פְרֶעגְן שׁוֹין, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר יֶעדֶע וָואךְ גֶעגֶעסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוָוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי מְעָרָה פַאר דְרַייצְן יָאר, אוּן דָארְט אִיז נִישְׁט גֶעוָוען קֵיין חַלָּה, נָאר אַ בָּאקְסֶער בּוֹים, אוּן אוֹיף בָּאקְסֶער קֶען מֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין סְעוּדוֹת שַׁבָּת. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ תֵּירוּץ, אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִיז דֶער בָּאקְסֶער בּוֹים גֶעוָוארְן אַ טֵייטְלְבּוֹים (סֵפֶר מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת, אוֹת חֵית, עָנָף חָרוּב), אוּן אוֹיף טֵייטְלֶען אִיז דָא אַ שִׁיטָה אַז מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין דֶערוֹיף סְעוּדוֹת שַׁבָּת (עַיֵּין פְּרִי מְגָדִים, אֵשֶׁל אַבְרָהָם, אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעג, סְעִיף קָטָן יא), ווַייל טֵייטְלֶען זֶעטִיגְט (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רח, סְעִיף קָטָן כה)].

## אַלְץ גֶעוָוען מָלֵא שִׂמְחָה

וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גֶעלְט? מִיט גֶעלְט אוּן אָן גֶעלְט - בַּיי בֵּיידֶע גֵייט דָאס לֶעבְּן אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע. עֶס אִיז אַוֶועק אוּנְזֶער חָבֵר ר' יִצְחָק רָאזֶענְבֶּערְג עָלָיו הַשָּׁלוֹם; גֶעבּ אַ קוּק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין הוֹיז אוּן גֶעלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בַּאנְק אַקַאוּנְט מִיט וָואס זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צְעטֵיילְן, אוּן וָואס הָאט אִים גֶעפֶעלְט? עֶר אִיז אַלְץ גֶעוָוען מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר הָאט מִיט יֶעדְן גֶערֶעדְט, פַאר יֶעדְן גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וָועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.